# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:46
מוצאי שב"ק......................6:18

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................שופטים א'-ב'
בבלי.......................סנהדרין ל"ט
ירושלמי...............מגילה ח'
תוספתא...................בכורים ז'
רמב"ם..מטמאי משכב ומושב ח'


פרשת וארא, מברכים חודש שבט, כ"ה טבת, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 76 (685)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי רֵייד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה צוּלִיב דֶעם קוּרְצְן אָטֶעם אוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. פְרֶעגְן אַלֶע פַּארְוָואס הָאבְּן זִיךְ דִי אִידְן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט, עֶר אִיז דָאךְ גֶעקוּמֶען זֵיי זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זֵיי אוֹיסְלֵייזְן, וָואלְטְן זֵיי גֶעדַארְפְט זִיךְ פְרֵייעֶן דָאס צוּ הֶערְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יא): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, הָאבְּן אִים דִי כִּישׁוּף מַאכֶער'ס גֶעפְרֶעגְט: "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?" דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אִידְן וָואס זֶענֶען 'עֲפָרִים' אַזוֹי ווִי עֶרְד - אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן אִין זֵיי ווִילְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען 'תֶּבֶן' - גֶעטְלִיכְקֵייט?! הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי", יָא, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד, עֶר לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטִיק 'עָפָר', אוּן אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוֹיב וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן זָאגְן, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן נִיצְן זַיין מוֹיל, "הַיְנוּ עַל־יְדֵי הָאֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי", דוּרְכְ'ן נִיצְן דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה", וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶער עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן, פַּארְוָואס? "מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", וַוייל דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, הָאבְּן זֵיי פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין הִתְעוֹרְרוּת בַּיים זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז דֶער עֵצָה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר זֵיי. אַזוֹי ווִי ר' יוּדְל הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "ווִי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל, עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען פוּן הָאַרְץ?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער הִתְעוֹרְרוּת? וואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער גֶעפִילְן? דֶער עִיקָר אִיז טוּן! נֶעם אַ תְּהִלִּים - הֵייבּ אָן זָאגְן תְּהִלִּים, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת - הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת."

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין יֶעצְט אַרַיין אִין דִי דְרִיטֶע וָואךְ פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם. וָואס הֵייסְט 'קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם?' - קוּק אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס; ווִי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, 'נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת', קוּק נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן, 'מָארְגְן גֵיי אִיךְ נִישְׁט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת', קוּק נָאר אוֹיף הַיינְט, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג מִשְׁנַיוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה. זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס זָאגְן נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, עֶר מַאכְט זִיךְ אַזַא חֶשְׁבּוֹן: "פָארִיגֶע וָואךְ הַאלְט אִיךְ בַּיי 'יוֹם שְׁלִישִׁי', דְרֵיי וָואכְן צוּרִיק הַאלְט אִיךְ בַּיי 'יוֹם חֲמִישִׁי', וואוּ זָאל אִיךְ יֶעצְט אָנְהֵייבְּן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ? קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג הֵייבּ אִיךְ אָן פְרִישׁ פוּן יוֹם רִאשׁוֹן'", דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט זוּנְטָאג זָאגְט עֶר וַוייטֶער נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן 'אִיךְ וֶועל מַשְׁלִים זַיין מָאנְטָאג דֶעם יוֹם פוּן בֵּיידֶע טֶעג', מָאנְטָאג זָאגְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים, דִינְסְטָאג אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט מַשְׁלִים זַיין פוּן דְרֵיי טֶעג... אַזוֹי זָאגְט עֶר נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט: "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה מְסַיֵּים תְּהִלִּים"... וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט 'זָאג תְּהִלִּים', דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ מַאשִׁין, נֶעם דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאג דֶעם הַיינְטִיגְן יוֹם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פוּן יוֹם רִאשׁוֹן, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פוּן יוֹם שֵׁנִי, דִינְסְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פוּן יוֹם שְׁלִישִׁי א.א.וו. קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן קוּק נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן, אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, עֶר נֶעמְט דִי 'אֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי'; עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אִים מְשׁוּגָע רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא, צֶעהַאקְט עֶר זַיין יֵצֶר הָרָע מֶער אוּן מֶער.

(אֲשֶׁר הָיָה אֵל יוֹאֵל, וָאֵרָא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פָּשׁוּטֶע זַאכְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה", אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִיק, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, גְלֵייבְּט אָבֶּער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ ווִיל מֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּייניִגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט נָאר טוּן פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער דִי זַאךְ פוּן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת - זָאלְט אִיר אוֹיף דֶעם אַלֵיין בֶּעטְן, בֶּעטְס אוֹיף דִי זַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) אַז מֶען זָאל זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג אַ צַייט אוּן אַ פְּלַאץ צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג פַארְגֶעס אִיךְ, יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן דִי יָארְן אוּן אִיךְ פַארְגֶעס צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דָאס וֶועט מִיךְ בְּרֶענְגֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וִויכְטִיגֶע בִּיזְנֶעס אָנְוַוייזוּנְגֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן
שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ בִּיזְנֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ בִּיזְנֶעס און מַצְלִיחַ זַיין.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, עֶס מוּז גֶעפִירְט וֶוערְן מִיט דִי תּוֹרָה. יֶעדֶע שְׁאֵלָה; צִי אִין רִיבִּית, צִי אִין הַשָּׂגַת גְּבוּל, עָנִי הַמְּהַפֵּךְ בַּחֲרָרָה, גְּנֵיבָה, גְּזֵילָה וְכַדוֹמֶה– מוּז מֶען פְרֶעגְן אַ רָב, אַ דַיָּין– און טוּן ווִי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפ), וָואס אִיז דָאס אַז מֶען רוּפְט אֵיינֶעם צוּ דִין תּוֹרָה? זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי תּוֹרָה אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ פַארְן פִירְן דִי בִּיזְנֶעס שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

שֵׁנִית, גֵיי נִישְׁט אִין אָפִיס נָאר נָאכְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, און שְׁטֶעל אָפּ דִי גֶעשֶׁעפְט בֵּיי מִנְחָה מַעֲרִיב.

שְׁלִישִׁית, נֶעם אַרַיין אַ שׁוּתָּף, כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן דִי פַארְדִינְסְטְן גֶעב מַעֲשֵׂר (אָדֶער ווִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ גֶעבְן אַ חוֹמֶשׁ).

פֶערְטְנְס, רֶעד שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, ג): "אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם", זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן גוּטֶע בַּאנֶעמוּנְג. מַיין שִׁיטָה אִיז, אַנְשְׁטָאט אַרַיינְלֵייגְן קָאפּ, מֹחַ און גֶעלְט אִין מַארְקֶעטִינְג – זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי נְשָׁמָה אִין קָאסְטוּמֶער סֶערְווִיס, גוּטֶע בַּאנֶעמוּנְג צוּ יֶעדְן; צוּם קְלֵיינֶעם, צוּם גְרוֹיסְן, צוּם רַייכְן און צוּם אָרֶעמַאן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אַז דוּ וֶועסְט טוּן דִי זַאכְן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

ווַייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע און גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, און אַזוֹי ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט ווֶערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְרָאכְן, און עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין ווֶעג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אָבֶּער אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סַיי ווִי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי און זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ און נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב און טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, ווַייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווִידֶערְאוּם דִי שְׁוֶוערֶע און גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, ווַייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרַייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, און הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, און אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרַייסְט מֶען אִים דִי גְּזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשְׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כַּשְׁרוּת. עֶס אִיז בָּרוּךְ ה' הַיינְט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, עֶר זֶעט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר און זַיין נָאר כָּשֵׁר, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב) צוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, הָאט זֵיי דֶער רַמְבַּ"ם גֶעשְׁרִיבְּן אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, און דָאס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר בְּלוּט און הָאט פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מֹחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. זֶעט מֶען ווִי דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס, אַ זַאךְ וָואס אִיז טַאקֶע גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אָבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע ווֶעלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶער מַצָּב פוּן כַּשְׁרוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע כָּשֵׁר'ע שְׁחִיטָה, און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חֲלַב יִשְׂרָאֵל. נָאר גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער צֶעהְלִימ'עֶר רָב זי"ע וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ כָּשֵׁר'ע שְׁחִיטָה, און אוֹיךְ אַ פַאבְּרִיק פוּן כָּשֵׁר'ע מִילךְ און כָּשֵׁר'ע מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, און מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פִילֶע אִידְן פוּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת ח"ו.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זי"ע און גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען מֵקִיל זַיין צוּ גֶעבְן גוֹי'אִישֶׁע פּוּטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, ווַייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן גֶעווִיסֶע הֶתֵּרִים אוֹיף פּוּטֶער פוּן אַ גוֹי. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל און גֶעזָאגְט: "אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס בָּשָׂר בְּחָלָב?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, ווִי קוּמְט אַהֶער בָּשָׂר בְּחָלָב צוּ גוֹי'אִישֶׁע פּוּטֶער? עֶר הָאט אָבֶּער גֶעפָאלְגְט און נִישְׁט גֶענוּצְט דִי פּוּטֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט און עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. ווַייל דֶער פַאבְּרִיק פְלֶעגְט אַרַיינְמִישְׁן פְלֵיישִׁיגֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן אִין דִי פּוּטֶער עֶס צוּ גֶעבְן אַ גוּטְן טַעַם.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵּים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. און מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ ווַייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיטְ'ן גֶעבְן אַ שְׁמֵייכְל און אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי"א:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר צוּ ווַייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, מֶער פוּן ווִי צוּ גֶעבְן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילךְ.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן און צוּקְלַאפְּט, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, זֵיי שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן און קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט; און מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל און אַ גוּט וָוארְט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען. יֶענֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נָאךְ יָא עֶפֶּעס ווֶערְד. און אַמָאל אִיז דָא אַ מַצָּב וָואס אַ מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן און דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ גֶעלְט רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ אִים. קֶענְסְט אִים פַארְשְׁלָאגְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְן אַסַאךְ גֶעלְט, עֶר דַארְף עֶס אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן. אָבֶּער אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען אִינַאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן זִיךְ זֵייעֶר צוּקְרֶעכְצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין שְׁוֶוער לֶעבְּן. הָאט אִים דֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט. נָאךְ סוּכּוֹת בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּי'ן, און עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דֶערְמִיט הָאלְץ פַאר דִי ווִינְטֶער, און עֶס אִיז דִיר נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ. ווִידֶערְאוּם אִיךְ, בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב בַּיי מַיין רֶבִּי'ן רֶבִּי נָתָן, און עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְן קַיין גֶעלְט ווַייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין. און יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן דִיר"... הָאט אִים דֶער צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז טַאקֶע דֶער חִילּוּק. מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶּער דָאס נוּצְט זִיךְ אוֹיס. דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן הִתְחַזְּקוּת, און דָאס נוּצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס"... זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי בְּלוֹיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל און חִזּוּק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

און דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן אַ קְרַאנְקְן? ווַייל עֶר מֵיינְט אַז אוֹיבּ עֶר גֵייט מוּז עֶר טוּן עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר יֶענֶעם. און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין בְּלוֹיז וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט און מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט. דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקַייטְן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה לפ"ק)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קצא)

**תרנא**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ אַזַא הַשָּׂגָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ וָואלְט מִיט דֶעם גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין אַ זַייט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר גֶענוּמֶען צוּ דֶעם אַייךְ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן וֶועג, וַוייל דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, 'זַכָּאָה מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָיבָא', וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (זוֹהַר, תְּרוּמָה קכ"ח:)".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶע'מוּסָרְ'ט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאךְ אַזוֹי סַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט פַאר אַייךְ, וְויפִיל מָאל בִּין אִיךְ הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן, וְויפִיל מָאל אִיז מִיר פַארְטְרוּקֶנְט גֶעוָוארְן דָאס מוֹיל פוּן אַזוֹיפִיל רֶעדְן, וְויפִיל אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן פוּן אַייךְ בַּאזוּנְדֶער, אוּן וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶע'פּוֹעֶלְ'ט? אֶמֶת טַאקֶע אַז אִיר זֶענְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶער נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַאכְן פוּן אַייךְ צַדִיקִים גְמוּרִים, אוּן וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ יֶעצְט קוּמֶען פַארְ'ן כִּסֵּא הַכָּבוֹד? אִיךְ טְרֵייסְט זִיךְ אָבֶער מִיט דִי פָּאר מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זִיכֶער פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט זֶענֶען שׁוֹין זִיכֶער מַיינֶע לַייט, אָבֶער דִי וָואס לֶעבְן נָאךְ, זֶענֶען נָאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען זֵיי נָאךְ אַסַאךְ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, דִי כֹּחַ פוּן בְּחִירָה אִיז נָאךְ זֵייעֶר גְרוֹיס".

**תרנב**

דָארְט אִין לִיפָּאוִויץ הָאט דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען ר' אַייזִיק יוֹסֵף פוּן לִיפָּאוִויץ, אַז עֶר זָאל מִיטְקוּמֶען מִיט אִים אַנְשְׁטָאט ר' נַפְתָּלִי, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן וַוייטֶער אִין וֶועג.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָנְגֶעוָוארְנְט זֵיי זָאלְן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוער עֶר אִיז. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען מִיט, דָאס הֵייסְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה, ר' שְׁמוּאֵל, אוּן ר' אַייזִיק יוֹסֵף, זָאלְן בִּכְלַל נִישְׁט וִויסְן וואוּ מֶען פָארְט, נָאר יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ פָּרָשַׁת דְרָכִים, וואוּ מֶען קֶען פָארְן אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְכֶע וֶועג צוּ פָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט וואוּ צוּ גֵיין.

וָואס עֶס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי בֵּיי דִי רֵייזֶע, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן גָאר גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אוֹתוֹת אוּן מוֹפְתִים וָואס שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי הָאר פוּן קָאפּ, דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט דֶערְקֶענְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעטוֹישְׁט זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קֵיין גֶעלְט בֵּיי קֵיינֶעם, אַדְרַבָּה, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ אוֹיסְגַאבְּן אוֹיפְ'ן וֶועג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ דִי מַאֲמַר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ד'.) "וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ", וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט כְּדֵי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן זַיין נְסִיעָה.

**תרנג**

אִינְמִיטְן וֶועג הָאבְּן זֵיי זִיךְ אֵיינְמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בֵּיי עֶפֶּעס אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אַרַיין מִיט ר' שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דָארְט דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן זַיין קְלֵיין קִינְד פוּן אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי יָאר אַלְט, אוּן גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעזֶען וִוי דָאס קִינְד וַוייזְט פַאר זַיין טַאטֶע אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זָאגְט "אָט גוּטֶער אִיד", דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי גוֹיִם וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן בְּרוֹינְפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט קָאפּ צוּ וָואס דָאס קִינְד זָאגְט, אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוִויזְן מִיטְ'ן הַאנְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "אָט גוּטֶער אִיד". ר' שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְווּאוּנְדֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין בַּאגֶעגְנְט אוֹיף דֶעם לַאנְגְן וֶועג פִילֶע טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן, אוּן

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן?




*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען בִּיטֶע מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאפְן; אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן מֶען זָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִים, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט שְׁלָאפְן - קֶען מֶען עֶנְדִיגְן דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ מִיטְן זוֹהַר, אוּן אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין כִּמְעַט פַארְטָאגְס אוּן מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן - טוּט מֶען זִיךְ אָן אוּן מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, מֶען גֵייט דַאוְוענֶען.

פַּיינִיג זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין הֲלָכָה אַז מֶען דַארְף שְׁלָאפְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ה)

<<<<<< נייעס

יעצט ווען מיר גייען אריין אינעם ערשטן שבת פון די ימי השובבי"ם, דארפן מיר גדענקען וואס מוהרא"ש האט מיט אונז געלערנט, אז מען איז פריילך שבת און מען האט א פארגעניגן פון שבת - איז דאס מער ווי פאסטן טויזנט תעניתים. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא בראשית, ג): "עונג שבת כאלף תעניות", ווען א מענטש איז פריילך שבת, ער האט הנאה פון דאס עסן און טרינקען - איז דאס אזוי ווי ער וואלט געפאסט טויזנט תעניתים; בפרט יעצט אין די שובבי"ם וואכן וואס מיר זענען מתקן פגמי הברית - דארפן מיר זיין זייער פריילך שבת, ווייל צו פאסטן האבן מיר נישט קיין כח, און אז דער רבי האט אונז געזאגט נישט פאסטן איז וואס איז אונזער תקנה? נאר מיט זיין פריילך שבת; אז מיר וועלן זיך פרייען שבת, מיר וועלן טאנצן שבת, וואס דאס איז כאלף תעניתים - דאס וועט אראפנעמען אונזערע זינד. (מכתב יומי עש"ק שמות תשפ"ה)

**תיקון הכללי**

ביי די דרשות האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אז אין די טעג זאל מען זיין מער נזהר און זאגן די צען קאפיטלעך פון תיקון הכללי (ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ), און מען זאל נישט טראכטן 'אזא גרינגע זאך צען קאפיטלעך תהלים וועט מיר דען העלפן?' און זיך לאזן פונעם ס"ם וואס וויל אונז איינרעדן אז נאר שווערע עבודות קענען אונז מתקן זיין, אזוי ווי דער רבי טייטשט "ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה", אידישע קינדער האבן נישט צוגעהערט צו משה מיינענדיג אז מען דארף טון עבודות קשות ארויסצוגיין פון מצרים. דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן מען זאל נישט אוועקלייגן די תיקון הכללי אויף שפעטער, נאר תיכף נאכ'ן דאווענען זאל מען זאגן די צען קאפיטלעך תהלים וואס דאס איז די גרעסטע תיקון שובבי"ם.

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִידוּשׁ אִין עֲבוֹדַת הַשִּׂמְחָה, עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג אוּן לוּסְטִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ טַאנְצְן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אִים רוּפְן אַ "חַד בְּדָרָא" אִין דִי מִדָה פוּן שִׂמְחָה.

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זָאגְט אִים אַלְץ, "וָואס הָאסְטוּ זִיךְ יֶעצְט צוּ פְרֵייעֶן? דָא הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְן, נִישְׁט בְּרוּחְנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת", אָבֶער עֶר עֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע אַז עֶר בָּארְגְט אוֹיס אַ טֶענְצְל פוּן שְׁפֶּעטֶער, וַוייל עֶס וֶועט דָאךְ נָאךְ זַיין אֵיין טָאג וָואס עֶס וֶועט זַיין גוּט, אוּן סְ'וֶועט זַיין פַארְוָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן, אוּן דֶערִיבֶּער בָּארְגְט עֶר יֶעצְט אוֹיס דִי שִׂמְחָה אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי גוּטֶע צַייטְן וָואס וֶועלְן קוּמֶען שְׁפֶּעטֶער.

פוּן גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט פְלֶעגְט עֶר אַרוּמְגֵיין פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז זַאמְלֶען נְדָבוֹת, אוּן צְווִישְׁן אֵיין הוֹיז אוּן צְוֵוייטְן פְלֶעגְט עֶר כַאפְּט אַ טֶענְצְל.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן מ"ה)

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט דֶערְקֶענְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְט מִיט סוֹחְרִ'ישֶׁע קְלֵיידֶער וִוי אַ סוֹחֵר, אוּן דָא אִין קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט גָאר אַ קְלֵיין צְוֵויי יֶערִיג קִינְד דֶערְקֶענְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז אַ גוּטֶער אִיד.

ר' שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט אָבֶער גֶעטְרַאכְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר שְׁטֵייט נֶעבְּן רֶבִּי'ן, אוּן ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע הַדְרַת פָּנִים, וִוי אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד גָאר גֶעוִויזְן אוֹיף אִים אוּן נִישְׁט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט ר' שְׁמוּאֵל אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ מַטְבֵּעַ פוּן טַאשׁ אוּן עֶס גֶעגֶעבְן צוּם קִינְד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "אַ יָא, אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער אִיד?", דָאס קִינְד הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט, "נֵיין", אוּן עֶר הָאט וִוידֶער גֶעוִויזְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט, "עֶר אִיז אַ גוּטֶער אִיד".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גְלַייךְ צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן אוּן זֵיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט ר' שְׁמוּאֵל זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? אַז טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט דֶערְקֶענְט, נָאר דֶער קִינְד?!", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ מֵבִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן?", אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעפָארְן אִין וֶועג.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ גֶעוִויזְן בֵּיי יֶעדֶע פָּרָשַׁת דְרָכִים וואוּ מֶען זָאל פָארְן, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל אַז זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע וֶועג וואוּ זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַמָאל גֶעפָארְן, אוּן עֶטְלִיכֶע טֶעג נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קִינְד הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען נָאכְאַמָאל גֶעפָארְן אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּע וֶועג, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעהֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בֵּיי דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. ר' שְׁמוּאֵל אִיז אַרַיין אִינֶעוֵוייניג צוּ טְרֶעפְן דָאס קִינְד, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז עֶפֶּעס דַארְף דָאס צוּ מֵיינֶען אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן נָאר דֶער קִינְד, וֶוען עֶר אִיז אָבֶער אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ דֶעם קִינְד, לֹא עָלֵינוּ.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז דָאס קִינְד הָאט גֶעהַאט אַן הוֹיכֶע נְשָׁמָה פוּן אַ יְנוּקָא.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שובבי"ם ביי אנשי שלומינו

ביי אנשי שלומינו איז שובבי"ם אן ערנסטע צייט, מוהרא"ש פלעגט אלץ מעורר זיין מען זאל אויסנוצן די וואכן זיך אומצוקערן צום אויבערשטן, און אנהייבן פון פריש און אזוי הערט מען כסדר פון ראש ישיבה שליט"א. אין די טעגליכע בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר אנשי שלומינו, האט דער ראש ישיבה שליט"א אין די לעצטע טעג שיין ארויסגעלייגט עטליכע וויכטיגע פונקטן ווי אזוי אויסצונוצן די טעג פון שובבי"ם ווי עס דארף צו זיין.

**מעביר סדרה זיין**

"מיר הויבן יעצט אן די טעג פון שובבי"ם, דער הייליגער אריז"ל האט אונז אנטפלעקט אז מען קען אין די טעג אלעס פאררעכטן. זאלסטו שוין היינט אנהויבן מיט מעביר סדרה זיין די פרשת השבוע, דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן יט) אז דאס איז תיקון הברית. געב א קוק, שוין אריבער א גאנצע ספר בראשית, און מיט דיינע פוילע תירוצים - וואו האלסטו אויף דער וועלט...?

עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (אורח חיים סימן רפה, סעיף ג): "מיום ראשון ואילך חשוב עם הצבור", פון זונטאג קען מען שוין טון די מצוה, און דער משנה ברורה זאגט (שם, סעיף קטן ח), אז דער גר"א האט זיך אזוי געפירט, ער האט יעדן טאג געלערנט שנים מקרא ואחד תרגום און דאס געענדיגט ערב שבת; זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער. אויך קען מען לערנען פון פאראויס, זונטאג ביז שלישי, מאנטאג ביז רביעי, און אזוי ווייטער.

נעם יעצט א חומש און הויב אן מעביר סדרה זיין, דאס איז די גרעסטע תיקון שובבי"ם. מוהרא"ש זאגט נאך פונעם הייליגן צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זכותו יגן עלינו: "א טאג וואס מען לערנט חומש מיט רש"י איז מען פארזיכערט אז אין דעם טאג וועט מען נישט זינדיגן". (מכתב יומי א' שמות תשפ"ה)

**זאגן תהלים**

"מיר זענען יעצט אין די שובבי"ם טעג, די טעג איז מסוגל צו פאררעכטן וואס מען האט פוגם געווען רחמנא לצלן. דער רבי זאגט אונז מיר זאלן נישט פאסטן, דער רבי זאגט אונז מיר זאלן זאגן תהלים; דאס איז דאך נישט קיין שווערע זאך, און דאך קומט עס אן אזוי שווער.

לייג אריין אין טאש א קליינע תהלים, און ווען דו האסט אפאר מינוט - זאלסטו זאגן אביסל תהלים. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן צח), ווען מען זאגט תהילים איז דאס אזוי ווי דוד המלך זאגט דאס יעצט, עס ליגט אין די ווערטער רוח הקודש, און ווען מען זאגט די ווערטער וועקט זיך אויף די רוח הקודש כאילו דוד המלך אליין זאגט די ווערטער." (מכתב יומי ד' שמות תשפ"ה)

**אמונה**

דער רבי זאגט (ספר המדות אות אמונה, סימן לג): "על ידי אמונה, הקדוש ברוך הוא יסלח לך על כל עוונותיך", דורך אמונה איז דער אייבערשטער מוחל אויף אלע עבירות; זאלסטו זיך אריינטון אין די אמונה, חזר אמונה, און לעב מיט אמונה, אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, אלעס פירט דער אייבערשטער. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין ז:): "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה", א מענטש צוקלעמט זיך נישט זיין פינגער אן דעם וואס מען זאל אויסרופן אין הימל פון פאראויס אז דער מענטש זאל זיך צעקלאפן זיין פינגער; פרנסה, קינדער, געזונט - אלעס מאכט דער אייבערשטער.

וואס זאל איך דיר זאגן מיין ליבער ברודער, מיין הארציגער חבר; די לעבן וועט דיר ווערן זיס, מיט אמונה איז אזוי שיין אלעס, ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה - גייט אים אלעס גאר אנדערש; מען ווייסט אז קיינער קען גארנישט טון, קיינער קען נישט שלעכטס טון און קיינער קען נישט גוטס טון, אלעס וואס פאסירט איז פונעם אייבערשטן." (מכתב יומי ה' שמות תשפ"ה)

**הערן און שווייגן**

"שובבי"ם איז א צייט וואס מען קען אלעס פאררעכטן; נישט דורך פאסטן, נישט דורך סיגופים, נאר דורך ישמע בזיונו ידום וישתוק, דורך ליידן און שווייגן; בפרט אין שטוב, ווען די ווייב האט געזאגט א ווארט, אדער נישט געמאכט פינקט אזוי ווי דו האסט געוואלט; אז מען ליידט און מען שווייגט - קומט מען אפ אלע עבירות. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן ו), דאס איז תשובה, און דורך דעם קומט מען צו גרויסע מדריגות.

בעיקר אין שטוב, דארט איז א גוטע פלאץ פאר ישמע בזיונו ידום וישתוק; נישט צו ווערן בכעס ווען די ווייב האט עפעס געזאגט, אדער נישט געטון ווי מען וויל, און נישט אנהויבן בלאזן, טריצן אדער אריינגיין אין א קאלטע קריג וכו', נאר ווייטער ליב האבן און ווייטער לעבן בשלום; דאס איז די גרעסטע תיקון שובבי"ם, און דאס איז סאך א גרעסערע עבודה ווי די שווערסטע עבודה וואס איז דא.

אויך אין שול, אז איינער זאגט דיר עפעס - זאלסטו מאכן תיקון שובבי"ם און מקיים זיין דעם ישמע בזיונו ידום וישתוק. אין שול קומען אלע סארט מענטשן, מען ווייס נישט ווער האט יעצט געכאפט א פסק פון די ווייב, מען ווייסט נישט וואס גייט אריבער, און אז מען געבט דיר א פליק - בלייב שטיל." (מכתב יומי א' וארא תשפ"ה)

**עונג שבת**

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן סאמעט** הי"ו ביתר עילית
**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **שרגא שטראססער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אלתר לעוו** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אלי פערל** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


## מיין בעסטע פרענד

**נייע הערליכע רייכע אלבום ספעציעל פאר פרויען און מיידלעך, צו באקומען ביי די מפיצים, אדער אויפ'ן טעלעפאן ליין**

**קוואל פון אמונה**

**212-444-9169**

**1, 7, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**